תורה נבֿיאים וכתובֿים

תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

אֵיכָה

א

1 ווי איז געבליבן זיצן אַליין
די שטאָט פֿון פֿיל פֿאָלק;
געוואָרן ווי אַן אַלמנה
די פֿירשטין צווישן די אומות;
די האַרינטע צווישן די מדינות
געוואָרן צו צינדז!
2 וויינען טוט זי וויינען בײַ נאַכט,
און איר טרער איז אויף איר באַק;
זי האָט ניט קיין טרייסטער
פֿון אַלע אירע ליבהאָבער;
אַלע אירע גוטע פֿרײַנט האָבן געפֿעלשט אָן איר,
זיי זײַנען איר שׂוֹנאים געוואָרן.
3 יהודה איז אין גלות אַוועק
אין פּײַן און אין גרויס קנעכטשאַפֿט; זי זיצט צווישן די פֿעלקער,
זי געפֿינט ניט קיין רו;
אַלע אירע נאָכיאָגערס האָבן זי דערגרייכט
צווישן די ענגענישן.
4 די וועגן פֿון ציִון טרויערן,
ווײַל ניטאָ די וואָס קומען אויף יָום-טובֿ;
אַלע אירע טויערן זײַנען וויסט,
אירע כּהנים זיפֿצן,
אירע יונגפֿרויען זײַנען פֿאַראומערט,
און זי, ביטער איז איר.

5 אירע פַײַנט זײַנען געוואָרן די קעפּ,
אירע שׂוֹנאים זײַנען אין שַׁלווה;
וואָרום גאָט האָט זי פֿאַראומערט,
פֿאַר די פֿיל פֿאַרברעכן אירע;
אירע קלײנע קינדער זײַנען אַוועק אין געפֿאַנגענשאַפֿט
פֿאַרויס פֿאַרן פַײַנט.
6 און אַרויס איז פֿון טאָכטער צִיוֹן
דער גאַנצער גלאַנץ אירער;
אירע האַרן זײַנען געוואָרן ווי די הינדן,
וואָס געפֿינען ניט קײן פֿיטערונג,
און זײ זײַנען געגאַנגען אָן כּוֹח
פֿאַר דעם נאָכיאָגער.

7 ירושָׁלַיִם דערמאָנט זיך
אין די טעג פֿון איר פּײַן און אירע וואָגלענישן,
אַלע גלוסטיקײטן וואָס זי האָט געהאַט
אין די טעג פֿון אַ מאָל.
ווען איר פֿאָלק איז געפֿאַלן פֿון דער האַנט פֿון פַײַנט,
און זי האָט ניט קײן העלפֿער געהאַט,
האָבן די פַײַנט געקוקט אויף איר,
געלאַכט אויף איר אונטערגאַנג.
8 זינד געזינדיקט האָט ירושָׁלַיִם,
דרום איז זי פֿאַר אַן אומרײנער געוואָרן;
אַלע וואָס האָבן זי געאַכט, פֿאַראַכטן זי,
ווײַל זײ האָבן געזען איר שאַנד;
יאָ, זי אַלײן טוט זיפֿצן,
און קערט זיך אַהינטער.
9 איר אומרײניקײט איז געווען אין אירע ברעגן,
זי האָט ניט געדאַכט אָן איר סוֹף;
דרום האָט זי ווונדערלעך גענידערט,
זי האָט ניט קײן טרײסטער.
זע, גאָט, מײַן פּײַן,
וואָרום דער שׂוֹנא טוט זיך גרײסן.
10 דער פַײַנט האָט אויסגעשפּרײט זײַן האַנט
אויף אַלע אירע גלוסטיקײטן;

וואָרום זי האָט געזען ווי די פֿעלקער
זײַנען געקומען אין איר הייליקטום,
די וואָס דו האָסט באַפֿוילן,
זיי זאָלן אין דײַן עדה ניט קומען.
11 דאָס גאַנצע פֿאָלק אירס זיפֿצט,
זיי זוכן ברויט;
זייערע גלוסטיקייטן האָבן זיי אַוועקגעגעבן פֿאַר שפּײַז,
דעם נפֿש צו דערקוויקן.
זע, גאָט, און קוק
ווי נידעריק איך בין געוואָרן.

12 ניט געשען זאָל עס אײַך, אַלע וועגגייער!
טוט אַ קוק, און זעט,
צי איז דאָ אַ ווייטאָג ווי מײַן ווייטאָג,
וואָס איז מיר אָנגעטאָן געוואָרן,
ווען גאָט האָט מיך פֿאַראומערט,
אין טאָג פֿון זײַן גרימצאָרן.
13 פֿון דער הייך האָט ער אַראָפּגעשיקט אַ פֿײַער
אין מײַנע ביינער, און זיי באַוועלטיקט;
ער האָט פֿאַרשפּרייט אַ נעץ פֿאַר מײַנע פֿיס,
ער האָט מיך אַהינטער געקערט;
וויסט האָט ער מיך געמאַכט,
קראַנק אַ גאַנצן טאָג.
14 פֿאַרקניפּט מיט זײַן האַנט
איז דער יאָך פֿון מײַנע זינד;
זיי פֿלעכטן זיך, זיי לייגן זיך אַרויף אויף מײַן האַלדז;
ער האָט געמאַכט שטרויכלען מײַן כּוח;
גאָט האָט מיך געגעבן אין הענט,
אַז איך קען ניט אויפֿשטיין.
15 גאָט האָט געמאַכט צונישט
אַלע מײַנע גיבורים אין מיר;
ער האָט גערופֿן אויף מיר אַן אײַנזאַמלונג,
צו צעברעכן מײַנע יונגעלײַט;
ווי אַ קעלטער האָט גאָט געטרעטן,
די יונגפֿרוי טאָכטער יהודה.
16 דערויף טו איך וויינען,

מײַן אויג, מײַן אויג רינט וואַסער;
וואָרום ווײַט איז אַ טרייסטער פֿון מיר,
וואָס זאָל דערקוויקן מײַן זעל;
מײַנע קינדער זײַנען פֿאַרוויסט,
וואָרום דער שׂונא האָט איבערגעשטאַרקט.
17 ציון צעשפּרייט אירע הענט,
זי האָט ניט קיין טרייסטער;
גאָט האָט באַפֿוילן אַקעגן יעקבֿ
רונד אַרום אים זײַנע פֿײַנט;
ירושָלַיִם איז געוואָרן
פֿאַר אַן אומריינער צווישן זיי.
18 גאָט איז גערעכט,
וואָרום איך האָב ווידערשפּעניקט זײַן מויל;
הערט, אַלע פֿעלקער, איך בעט אײַך,
און זעט צו מײַן ווייטאָג:
מײַנע בחורים און מײַנע מיידלעך
זײַנען אַוועק אין געפֿאַנגענשאַפֿט.
19 איך האָב גערופֿן מײַנע ליבהאָבער,
האָבן זיי מיך אָפּגענאַרט;
מײַנע כּהנים און מײַנע עלטסטע
זײַנען אויסגעגאַנגען אין שטאָט,
ווען זיי האָבן שפּײַז זיך געזוכט,
זיי זאָלן זייער נפֿש דערקוויקן.
20 זע, גאָט, ווי מיר איז ענג,
מײַנע אינגעווייד ברענען,
מײַן האַרץ קערט זיך איבער אין מיר,
ווײַל ווידערשפּעניקן האָב איך ווידערשפּעניקט;
דרויסן נעמט אַוועק די שווערד,
אין הויז איז ווי דער טויט.
21 זיי האָבן געהערט ווי איך זיפֿץ,
אָבער איך האָב ניט קיין טרייסטער;
אַלע מײַנע שׂונאים האָבן געהערט מײַן אומגליק,
זיי פֿרייען זיך וואָס דו האָסט דאָס געטאָן
ברענג דעם טאָג וואָס דו האָסט אָנגזאָגט,
און זאָלן זיי ווערן ווי איך!
22 זאָל קומען אַל זייער בייז פֿאַר דיר,

און טו צו זיי
אַזוי ווי דו האָסט צו מיר געטאָן,
פֿאַר אַלע מײַנע זינד;
וואָרום פֿיל זײַנען מײַנע זיפֿצן,
און מײַן האַרץ איז קראַנק.

ב

1 ווי האָט גאָט אין זײַן כּעס
פֿאַרוואָלקנט די טאָכטער צִיוֹן!
אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון הימל צו דער ערד
די שײנקייט פֿון ישׂראל,
און ניט געדאַכט אָן זײַן פֿוסבענקל
אין טאָג פֿון זײַן כּעס!
2 גאָט האָט אומגעבראַכט אָן רחמנות
אַלע וווינונגען פֿון יעקבֿ;
צעשטערט אין זײַן צאָרן
די פֿעסטונגען פֿון טאָכטער יהודה,
זיי געבראַכט צו דער ערד;
פֿאַרשווערכט דאָס קיניגרײַך און זײַנע האַרן!
3 ער האָט אָפּגעהאַקט מיט גרימצאָרן
דעם גאַנצן האָרן פֿון ישׂראל;
ער האָט צוריקגעצויגן זײַן רעכטע האַנט
פֿון פֿאַרן שׂונא,
און געברענט אין יעקבֿ ווי אַ פֿלאַמפֿײַער
וואָס פֿאַרצערט רונד אַרום.
4 ער האָט געשפּאַנט זײַן בויגן ווי אַ שׂונא,
זיך געשטעלט מיט זײַן רעכטער האַנט ווי אַ פֿײַנט,
און געהרגעט אַלע גלוסטיקע פֿון אויג;
אין געצעלט פֿון טאָכטער צִיוֹן
האָט ער אויסגעגאָסן ווי אַ פֿײַער זײַן גרימצאָרן.
5 גאָט איז געוואָרן ווי אַ שׂונא,
ער האָט אומגעבראַכט ישׂראל;
אומגעבראַכט אַלע אירע פּאַלאַצן,
צעשטערט זײַנע פֿעסטונגען,
און געמערט בײַ טאָכטער יהודה

קלאָגעניש און קלאָג.
6 און ער האָט אָפּגעפּליקט ווי אַ גאָרטן זײַן בײַדל,
ער האָט צעשטערט זײַן זאַמלאָרט;
גאָט האָט געמאַכט פֿאַרגעסן אין צִיון
אַ יָום-טובֿ און אַ שבת,
און פֿאַראַכט אין זײַן גרימצאָרן
דעם מלך און דעם כֹהן.
7 גאָט האָט פֿאַרלאָזט זײַן מזבח,
אַוועקגעוואָרפֿן זײַן הייליקטום;
איבערגעגעבן אין האַנט פֿון דעם שֹונא
די מויערן פֿון אירע פּאַלאַצן;
זיי האָבן קולות געמאַכט אין גאָטס הויז
אַזוי ווי אין אַ יָום-טובֿ.
8 גאָט האָט געטראַכט צו צעשטערן
די מויער פֿון טאָכטער צִיון;
ער האָט געצויגן אַ מעסטשנור,
ער האָט ניט אָפּגעהאַלטן זײַן האַנט פֿון אומצוברענגען,
און געמאַכט טרויערן די פֿעסטונג און די מויער;
אין איינעם זײַנען זיי פֿאַרשניטן געוואָרן.
9 אײַנגעזונקען אין דער ערד זײַנען אירע טויערן,
ער האָט צעשטערט און צעבראָכן אירע ריגלען;
איר מלך און אירע האַרן זײַנען צווישן די פֿעלקער,
ניטאָ מער קיין תּוֹרה;
אַפֿילו אירע נבֿיאים
געפֿינען ניט אַ זעונג פֿון גאָט.
10 זיי זיצן אויף דער ערד און שווײַגן,
די עלטסטע פֿון טאָכטער צִיון,
זיי האָבן אַרויפֿגעטאָן שטויב אויף זייער קאָפּ,
זיי האָבן אָנגעגורט זאַק;
אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּ צו דער ערד
האָבן די יונגפֿרויען פֿון ירושָלַיִם.
11 מײַנע אויגן גייען אויס פֿון טרערן,
מײַנע אינגעווייד ברענען,
מײַן לעבער איז אויסגעגאָסן אויף דער ערד,
אויף דעם בראָך פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק;
ווײַל קליינע קינדער און זויגעדיקע

חלשן אין די גאַסן פֿון שטאָט.
12 זיי זאָגן צו זייערע מוטערס:
ווּ איז קאָרן און ווײַן?
ווען זיי חלשן ווי דערשלאָגענע
אין די גאַסן פֿון שטאָט,
ווען זייער זעל גיסט זיך אויס
אויף דער ברוסט פֿון זייערע מוטערס.
13 וואָס זאָל איך דיר עדותן?
וואָס זאָל איך צו דיר גלײַכן, טאָכטער ירושָלַיִם?
וואָס זאָל איך פֿאַרגלײַכן צו דיר, און דיך טרייסטן,
יונגפֿרוי טאָכטער צִיוֹן?
אַז גרויס ווי דער ים איז דײַן בראָך –
ווער קען דיך היילן?
14 דײַנע נבֿיאים האָבן דיר געזען
פֿאַלשקייט און אָפּנאַרעניש,
און זיי האָבן ניט אַנטפּלעקט דײַן זינד,
אומצוקערן דײַן געפֿאַנגענשאַפֿט;
און זיי האָבן דיר געזען נבֿואות
פֿון פֿאַלשקייט און פֿאַרפֿירעניש.
15 אַלע פֿאַרבײַגייער פּאַטשן אויף דיר מיט די הענט,
זיי שמוצערן, און שאָקלען זייער קאָפּ
אויף טאָכטער ירושָלַיִם:
איז דאָס די שטאָט וואָס מע האָט גערופֿן
די קרוין פֿון שיינקייט,
די פֿרייד פֿון דער גאַנצער ערד?
16 געעפֿנט זייער מויל אויף דיר
האָבן אַלע דײַנע שׂוֹנאים;
זיי שמוצערן, און קריצן די ציין;
זיי זאָגן: מיר האָבן זי אײַנגעשלונגען;
פֿאַר וואָר, דאָס איז דער טאָג וואָס מיר האָבן געהאָפֿט אויף אים,
מיר האָבן דערגרייכט, מיר האָבן דערלעבט.
17 גאָט האָט געטאָן וואָס ער האָט געטראַכט,
ער האָט אויסגעפֿירט זײַן וואָרט
וואָס ער האָט אָנגעזאָגט פֿון אַמאָליקע טעג;
ער האָט צעשטערט אָן רחמנות,

און דערפֿרייט דעם שׂונא איבער דיר,
דערהייכט דעם האָרן פֿון דײַנע פֿײַנט.

18 זייער האַרץ האָט געשריען צו גאָט:
מויער פֿון טאָכטער צִיוֹן,
לאָז רינען טרערן
ווי אַ טײַך, טאָג און נאַכט;
זאָלסט זיך ניט געבן קיין אָפּרו,
ניט שטילן זאָל זיך דײַן אויגאַפּל.
19 שטיי אויף, שרײַ אין דער נאַכט,
אין אָנהייב פֿון די נאַכטוואַכן;
גיס אויס ווי וואַסער דײַן האַרץ,
פֿאַר דעם פּנים פֿון גאָט;
הייב אויף דײַנע הענט צו אים,
פֿאַר די נפֿשות פֿון דײַנע קליינע קינדער
וואָס חלשן פֿון הונגער
אין אַלע עק גאַסן.
20 זע, גאָט, און קוק
וועמען דו האָסט אַזוינס געטאָן!
דאַרפֿן ווײַבער עסן זייער פֿרוכט,
קינדער געצערטלטע?
דאַרף געטייט ווערן אין הייליקטום פֿון גאָט
דער כֹּהן און דער נבֿיא?
21 אויף דער ערד אין די גאַסן
ליגן אַלט און יונג;
מײַנע מיידלעך און מײַנע בחורים
זײַנען געפֿאַלן פֿון שווערד;
האָסט געהרגעט אין טאָג פֿון דײַן צאָרן,
געשאָכטן אָן רחמנות.
22 האָסט גערופֿן ווי אויף אַ יָום-טובֿ
מײַנע שרעקענישן פֿון אַרום;
און ניט געווען אין טאָג פֿון גאָטס צאָרן
קיין אַנטרונענער און געבליבענער;
די וואָס איך האָב געצערטלט און אויפֿגעבראַכט
זיי האָט מײַן שׂונא פֿאַרלענדט.

ג

1 איך בין דער מאַן וואָס האָט אָנגעזען פּיַין
דורך דער רוט פֿון זײַן צאָרן.
2 ער האָט מיך געפֿירט און געמאַכט גיין
אין פֿינצטערניש און ניט ליכטיקייט.
3 פֿאַר וואָר, קעגן מיר ווידער און ווידער
קערט ער זײַן האַנט אַ גאַנצן טאָג.

4 ער האָט אָפּגעצערט מײַן פֿלייש און מײַן הויט,
ער האָט צעבראָכן מײַנע ביינער.
5 ער האָט מיך באַבויט, און אַרומגערינגלט
מיט גיפֿט און מיט מאַטערניש.
6 ער האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין חושכנישן,
ווי מתים פֿון לאַנג אָן.

7 ער האָט מיך פֿאַרצאַמט, אַז איך קען ניט אַרויסגיין,
ער האָט שווער געמאַכט מײַן קייט.
8 אַפֿילו ווען איך שרײַ און רוף,
פֿאַרשפּאַרט ער מײַן תּפֿילה.
9 ער האָט פֿאַרצאַמט מײַנע וועגן מיט שטיינער,
ער האָט מײַנע שטעגן פֿאַרקרימט.

10 אַ לויערדיקער בער איז ער מיר,
אַ לייב אין פֿאַרבאָרגעניש.
11 ער האָט אָפּגעקערט מײַנע וועגן, און מיך צעריסן,
וויסט האָט ער מיך געמאַכט.
12 ער האָט געשפּאַנט זײַן בויגן,
און מיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו דער פֿײַל.

13 ער האָט אַרײַנגעלאָזט אין מײַנע נירן,
די זין פֿון זײַן פֿײַלבײַטל.
14 איך בין געוואָרן אַ געלעכטער בײַ מײַן גאַנצן פֿאָלק,
זייער שפּאָטליד אַ גאַנצן טאָג.
15 ער האָט מיך אָנגעזעט מיט ביטערנישן,
מיך געזעטיקט מיט ווערמוט.

16 און ער האָט צעבראָכן מיט שטיינדלעך מײַנע ציין,
ער האָט מיך געוועלגערט אין אַש.

17 און מײַן זעל איז פֿאַרשטויסן פֿון פֿריד,
איך האָב פֿאַרגעסן אָן גוטס.
18 און איך זאָג: פֿאַרלאָרן איז מײַן שטאַרקייט,
און מײַן האָפֿענונג פֿון גאָט.

19 די דערמאָנונג פֿון מײַן פּײַן און מײַן וואָגלעניש,
איז ווערמוט און ביטערקרויט.
20 דערמאָנען דערמאָנט זיך מײַן זעל,
און זי בייגט זיך אין מיר.
21 דאָס ענטפֿער איך צו מײַן האַרצן,
דרום טו איך האַרן:

22 אַז די חסָדים פֿון גאָט זײַנען ניט אויסגעגאַנגען,
אַז ניט געענדיקט האָט זיך זײַן רחמנות;
23 זיי זײַנען נײַ אַלע פֿרימאָרגן;
גרויס איז דײַן טרײַשאַפֿט.
24 גאָט איז מײַן חלק, זאָגט מײַן זעל,
דרום האָף איך צו אים.

25 גוט איז גאָט צו די וואָס האַרן אויף אים,
צו דער זעל וואָס טוט אים זוכן.
26 גוט איז מע זאָל האַרן אַ פֿאַרשוויגענער
אויף דער ישועה פֿון גאָט.
27 גוט איז פֿאַר אַ מענטשן,
אַז ער זאָל טראָגן דעם יאָך אין זײַן יוגנט;

28 ער זאָל זיצן אַליין און שווײַגן,
ווען מע האָט אַרויפֿגעלייגט אויף אים;
29 ער זאָל לייגן אין אַש זײַן מויל,
אפֿשר איז אַ האָפֿענונג פֿאַראַן;
30 ער זאָל געבן די באַק צו זײַן שלעגער,
ער זאָל זיך זעטן מיט שאַנד.

31 וואָרום ניט אויף אייביק
פֿאַרלאָזט גאָט;
32 וואָרום אויב ער האָט פֿאַראומערט,
דערבאַרימט ער אָבער לויט זײַנע גרויסע חסָדים.

33 וואָרום ניט פֿון זײַן האַרצן פּײַניקט ער,
און פֿאַראומערט די מענטשנקינדער.

34 צו דריקן אונטער זײַנע פֿיס
אַלע געפֿאַנגענע פֿון דער ערד,
35 צו פֿאַרבייגן דעם משפּט פֿון אַ מאַן,
איז דערווידער דעם פּנים פֿון דעם אויבערשטן;
36 צו קריווען אַ מענטשן אין זײַן קריג,
דאָס וויל גאָט ניט זען.

37 ווער איז דער וואָס קען הייסן, און עס זאָל געשען,
אַז גאָט האָט ניט באַפֿוילן?
38 קומט ניט פֿון אויבערשטנס מויל אַרויס
דאָס שלעכטס און דאָס גוטס?
39 וואָס קען זיך באַקלאָגן אַ לעבעדיקער מענטש?
אַ מאַן בײַ אַלע זײַנע זינד?

40 לאָמיר נאָכזוכן און פֿאָרשן אונדזערע וועגן,
און לאָמיר זיך אומקערן צו גאָט.
41 לאָמיר אויפֿהייבן אונדזער האַרץ אויף די הענט
צו גאָט אין הימל.
42 מיר האָבן פֿאַרבראָכן און ווידערשפּעניקט;
ווילסט דו ניט פֿאַרגעבן?

43 האָסט זיך באַדעקט מיט צאָרן, און אונדז נאָכגעיאָגט,
האָסט געהרגעט אָן רחמנות;
44 האָסט זיך באַדעקט מיט אַ וואָלקן,
אַז קיין תּפֿילה זאָל ניט דורכגיין.
45 קויט און מיסט האָסטו אונדז געמאַכט
צווישן די פֿעלקער.

46 געעפֿנט האָבן זייער מויל אויף אונדז
אַלע אונדזערע שׂונאים.
47 אַ גרויל און אַ גרוב איז געקומען אויף אונדז,
אַ פֿאַרוויסטונג און אַ בראָך.
48 בעכן וואַסער טוט רינען מײַן אויג

אויף דעם בראָך פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק.

49 מײַן אויג גיסט, און וויל זיך ניט שטילן,
אָן אַן אויפֿהער,
50 ביז גאָט פֿון הימל
וועט לוגן און זען.
51 מײַן אויג טוט ווי מײַן זעל,
אום אַלע טעכטער פֿון מײַן שטאָט.

52 יאָגן ווי אַ פֿויגל האָבן מיך געיאָגט
מײַנע אומזיסטיקע שׂונאים.
53 זיי האָבן פֿאַרשניטן אין גרוב מײַן לעבן,
און שטיינער האָבן זיי געוואָרפֿן אויף מיר.
54 וואַסערן האָבן געפֿלייצט אויף מײַן קאָפּ,
איך האָב געזאָגט: איך בין פֿאַרשניטן.

55 איך האָב גערופֿן דײַן נאָמען, יהוה,
פֿון דער אונטערשטער גרוב.
56 האָסט געהערט מײַן קָול,
זאָלסט ניט פֿאַרהוילן דײַן אויער פֿון מײַן זיפֿץ, פֿון מײַן געשריי.
57 האָסט גענענט אין טאָג וואָס איך פֿלעג דיך רופֿן,
האָסט געזאָגט: זאָלסט ניט מוֹרא האָבן.

58 האָסט זיך אָנגענומען, גאָט, די קריג פֿון מײַן זעל,
האָסט אויסגעלייזט מײַן לעבן.
59 האָסט געזען, גאָט, מײַן קריוודע,
משפּט מײַן משפּט.
60 האָסט געזען זייער גאַנצע נקמה,
אַלע זייערע מחשבֿות אויף מיר.

61 האָסט געהערט זייער לעסטערונג, גאָט,
אַלע זייערע מחשבֿות אַקעגן מיר;
62 די ליפּן פֿון מײַנע פֿײַנט
און זייער טראַכטן אַקעגן מיר אַ גאַנצן טאָג.

63 זע זייער זיצן און זייער שטיין –
איך בין זייער שפּאָטליד.

64 זאָלסט זיי אומקערן, גאָט, אַ פֿאַרגעלטונג
לויט די מעשׂים פֿון זייערע הענט.
65 זאָלסט זיי געבן האַרצדולעניש;
דײַן קללה אויף זיי!
66 זאָלסט זיי יאָגן מיט צאָרן,
און זיי פֿאַרטיליקן פֿון אונטער די הימלען פֿון גאָט.

ד 1 ווי איז פֿאַרטונקלט דאָס גאָלד,
פֿאַרביטן דאָס טײַערע פֿײַנגאָלד;
די הייליקע שטיינער צעשאָטן
אין אַלע עק גאַסן!
2 די טײַערע קינדער פֿון ציון,
מיט גינגאָלד געוויגן –
ווי זײַנען זיי גערעכנט פֿאַר ליימענע קריג,
געמאַכט פֿון אַ טעפּערס הענט!
3 אַפֿילו שאַקאַלן ציען אויס די ברוסט,
גיבן זויגן זייערע יונגע,
די טאָכטער מײַן פֿאָלק איז אַן אַכזר געוואָרן,
אַזוי ווי שטרויספֿויגלען אין דער מדבר.
4 די צונג פֿון דעם זויגעדיקן איז צוגעקלעפּט
צו זײַן גומען פֿון דאָרשטיקייט; קליינע קינדער בעטן ברויט,
און קיינער ברעכט זיי ניט אָפּ.
5 די וואָס פֿלעגן עסן טײַערע שפּײַזן,
זײַנען וויסט אין די גאַסן; די דערצויגענע אין ווערמילרויט
טוליען זיך צו מיסטהויפֿנס.
6 וואָרום די זינד פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק
איז גרעסער ווי דער חטא פֿון סדום,
וואָס איז איבערגעקערט געוואָרן ווי אין אַ רגע,
און הענט צומאָל זײַנען ניט געפֿאַלן אויף איר.
7 אירע פֿירשטן זײַנען געווען לויטערער פֿון שניי,
ווײַסער פֿון מילך,

גערויטלטער אויפֿן לײַב פֿון קאַרעלן;
סאַפּירשטיין זייער געשטאַלט.
8 פֿינצטערער פֿון קויל איז זייער אויסזען,
זיי זײַנען ניט צו דערקענען אויף דער גאַס;
זייער הויט איז צוגעקלעפּט צו זייערע ביינער,
אײַנגעדאַרט ווי האָלץ איז זי געוואָרן.
9 בעסער איז די דערשלאָגענע פֿון שווערד,
ווי די דערשלאָגענע פֿון הונגער,
וואָס זיי גייען אויס דורכגענומענע,
אָן אַ פֿרוכט פֿון פֿעלד.
10 די הענט פֿון דערבאַרימדיקע מוטערס
האָבן געקאָכט זייערע קינדער;
זיי זײַנען זיי צום שפּײַז געווען,
אין דעם בראָך פֿון דער טאָכטער מײַן פֿאָלק.
11 גאָט האָט אויסגעלאָזט זײַן כּעס,
אויסגעגאָסן זײַן גרימצאָרן;
און ער האָט אָנגעצונדן אַ פֿײַער אין צִיוֹן,
און עס האָט פֿאַרצערט אירע גרונטפֿעסטן.
12 ניט געגלויבט האָבן די מלכים פֿון דער ערד,
און אַלע באַוווינער פֿון דער וועלט,
אַז אַ דריקער און אַ שׂוֹנא וועט קומען
אין די טויערן פֿון ירוּשָׁלַיִם;
13 פֿון וועגן די זינד פֿון אירע נבֿיאים,
די פֿאַרברעכן פֿון אירע כּהנים,
וואָס האָבן בלוט פֿון גערעכטע
פֿאַרגאָסן אין איר.
14 זיי וואָגלען ווי בלינדע אין די גאַסן,
זיי זײַנען אײַנגעריכט אין בלוט,
ביז מע קען זיך ניט אָנרירן
אָן די קליידער זייערע.
15 ”קערט אײַך אָפּ! טמא!“
רופֿט מען צו זיי,
”קערט אײַך אָפּ! קערט אײַך אָפּ!
איר זאָלט זיך ניט אָנרירן!“
בעת זיי פֿליִען און וואָגלען; מע זאָגט צווישן די פֿעלקער:
זיי טאָרן זיך מער ניט אויפֿהאַלטן.

16 דער צאָרן פֿון גאָט האָט זיי צעטיילט,
ער וויל זיי מער ניט אָנקוקן;
כּהנים האָט מען ניט געשוינט,
זקנים האָט מען ניט געלייַטזעליקט.
17 אונדזערע אויגן גייען נאָך אַלץ אויס
נאָך אונדזער נישטיקער הילף;
אין אונדזער אויסקוק האָבן מיר אויסגעקוקט
אויף אַ פֿאָלק וואָס קען ניט העלפֿן.
18 מע שפּירט נאָך אונדזערע טריט,
אַז מיר קענען ניט גיין אויף אונדזערע גאַסן;
נאָנט איז אונדזער סוף, פֿול זייַנען אונדזערע טעג;
יאָ, געקומען איז אונדזער סוף.
19 פֿלינקער זייַנען אונדזערע נאָכיאָגער
ווי די אָדלערס פֿון הימל;
אויף די בערג האָבן זיי אונדז געיאָגט,
אין מדבר האָבן זיי געלויערט אויף אונדז.
20 דער אָטעם פֿון אונדזער נאָז, דער געזאַלבטער פֿון גאָט,
איז געפֿאַנגען געוואָרן אין זייערע גריבער;
דער, וואָס מיר האָבן געזאָגט: אין זייַן שאָטן
וועלן מיר לעבן צווישן די פֿעלקער.
21 קווועל אָן און פֿריי זיך, טאָכטער אֱדוֹם,
דו וואָס וווינסט אין לאַנד עוץ;
צו דיר אויך וועט אַריבער דער כּוֹס,
וועסט שיכּור ווערן, און זיך אָפּדעקן.
22 געענדיקט איז דייַן זינד, טאָכטער צִיוֹן,
ער וועט דיך מער ניט פֿאַרטרייַבן;
ער וועט דערמאָנען דייַן פֿאַרברעך, טאָכטער אֱדוֹם,
ער וועט אַנטפּלעקן דייַנע זינד.

ה

1 געדענק, גאָט, וואָס איז געשען צו אונדז,
קוק און זע אונדזער שאַנד.
2 אונדזער נחלה איז איבערגעגאַנגען צו פֿרעמדע,
אונדזערע הייַזער צו אַנדערע.
3 מיר זייַנען יתוֹמים געוואָרן אָן אַ פֿאָטער,

אונדזערע מוטערס ווי אַלמנות.
4 אונדזער וואַסער טרינקען מיר פֿאַר געלט,
אונדזער האָלץ קומט אונדז אָן פֿאַר געצאָלט.
5 אויף אונדזער נאַקן ווערן מיר געיאָגט,
מיר זײַנען מיד, און אונדז ווערט ניט באַרוט.
6 צו מִצרַיִם האָבן מיר אַ האַנט אויסגעשטרעקט,
צו אַשור – זיך מיט ברויט צו זעטן.
7 אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט, און זײַנען מער ניטאָ,
און מיר טראָגן זייערע פֿאַרברעכן.
8 קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז,
ניטאָ קיין אויסלייזער פֿון זייער האַנט.
9 מיט [אײַנשטעלן] אונדזער לעבן קריגן מיר אונדזער ברויט,
פֿון וועגן דער שווערד פֿון מדבר.
10 אונדזער הויט גליט ווי אַן אויוון,
פֿון וועגן די ברענונגען פֿון הונגער.
11 ווײַבער האָט מען געפּײַניקט אין צִיוֹן,
יונגפֿרויען אין די שטעט פֿון יהודה.
12 האַרן זײַנען געהאַנגען געוואָרן פֿון זייער האַנט;
פּנימער פֿון זקנים זײַנען ניט געשוינט געוואָרן.
13 יונגעלײַט האָבן מילשטיינער געטראָגן,
און ייִנגלעך האָבן אונטער האָלץ געשטרויכלט.
14 זקנים האָבן פֿון טויער אויפֿגעהערט,
יונגעלײַט פֿון זייער געזאַנג.
15 אויפֿגעהערט האָט די פֿרייד פֿון אונדזער האַרצן,
פֿאַרקערט איז אין טרויער אונדזער טאַנץ.
16 געפֿאַלן איז די קרוין פֿון אונדזער קאָפּ;
וויי אונדז! וואָרום מיר האָבן געזינדיקט.

17 דערפֿאַר איז קראַנק אונדזער האַרץ,
איבער דעם זײַנען פֿינצטער אונדזערע אויגן:
18 איבער דעם באַרג צִיוֹן וואָס איז וויסט –
פֿיקס גייען אום אויף אים.
19 דו, גאָט, טראָנסט אייביק,
דײַן טראָן איז אויף דוֹר-דוֹרוֹת,
20 פֿאַר וואָס פֿאַרגעסטו אונדז אויף שטענדיק,
פֿאַרלאָזט אונדז אויף לאַנגע טעג?

21 קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומקערן;
באַנײַ אונדזערע טעג ווי אַמאָל;
22 וואָרום אויב פֿאַראַכטן האָסטו אונדז פֿאַראַכט,
האָסטו אָבער געצערנט אויף אונדז ביז גאָר.

קער אונדז אום צו דיר, גאָט, און לאָמיר זיך אומקערן,
באַנײַ אונדזערע טעג ווי אַ מאָל.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.